פרשת וישלח ||| שנת תשפ"ד לפ"ק ||| גליון כ"ט ||| שנה ב'

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

פטרון סדר בראשית
הרוצה בעילום שמו
לזכותו ולזכות משפחתו
לברכה והצלחה ברוחניות ובגשמיות

## בך בטחתי

### להשפיע טובך לבריותך;
ווי<u></u>אַזוי צו ממתיק זיין אַלע 'קטרוגים' און באַקומען גוטע השפעות - ח"ב

יום א' עקב י"ז מנחם אב תשע"ט לפ"ק

א

## ומשביע לכל חי; דער בוטח בה' באַקומט זיין שפע גלייך פון דעם מקור החיים

### דער פּראָבלעם: מקטרגים! די לעזונג: תפלה!

מיר האָבן אָנגעהויבן לערנען דעם געוואַלדיגן יסוד פון דעם הייליגן '**מאור עינים**' וואָס מאַכט אונז לעכטיג די אויגן און פאַרציילט אונז דעם סוד; פאַרוואָס עס קומט אַזוי שווער אָן צו מאַכן פּרנסה און די ריכטיגע מהלך וויאַזוי דאָס מסדר צו זיין.

דער 'מאור עינים' איז אונז מגלה אַז דער פּראָבלעם ביי פּרנסה איז נישט קיין מענטשן און נישט קיין גשמיות'דיגע סיבות, נאר ס'איז **אַ הימלישע הנהגה פון 'דינים' און 'מקטרגים' וואָס ווערן בהכרח נתעורר יעדעס מאָל וואָס אַ 'שפע' דארף אַראָפּקומען**. די בעסטע וועג צו לעזן דעם פּראָבלעם און באַקומען די השפּעה איז דורך '**תפלה' מיט 'בטחון**', וואָס דורכדעם ווערט מען דבוק צו דעם 'מקור החיים' און אַלע מקטרגים ווערן נמתק, צו קענען אַראָפּברענגען די שפע מיט אַ געוואַלדיגע ברכה!

### זיך פאַרלאָזן אויף 'השתדלות' איז מעורר 'קטרוגים'

אַצינד איז דער 'מאור עינים' ווייטער ממשיך צום קומענדיגן שטאַפּל און ער פאַרציילט אונז אַ וויכטיגער כלל, וויאַזוי מענטשן מאַכן צומאָל נאָך שטאַרקער די 'מקטרגים', וואָס דערמיט זענען זיי גורם ממש פיזיש אַז זייער פּרנסה זאָל נישט קענען אָנקומען חלילה!

דער 'מאור עינים' זאָגט אונז: נאָכדעם וואָס כ'האב דיך אויסגעלערנט דעם סוד פון 'פּרנסה' - אַז די גאַנצע שפע קומט דורך אַ 'צינור' פון אַ הויכע מקור און עס דאַרף דורכגיין אַ לאַנגע וועג פון דאָרט אויבן ביז צו דיר דאָ אונטן - זאָלסטו וויסן אַז טאָמער וועט דיין מחשבה בוטח זיין **אפילו אַביסעלע** אויף די גשמיות'דיגע 'סיבות', **האָסטו דערמיט מחי' געווען די צמצומים און די מקטרגים!**

אויב דער מענטש טראַכט: "דורך דעם מהלך וועל איך באַקומען פּרנסה", "יענער גייט מיך העלפן" א.א.וו. **האָסטו יעצט מיט די אייגענע הענט מצמצם געווען דיין פּרנסה**, האסט נעבעך געגעבן חיות פאר דעם כח פון צמצום, דורכדעם וואָס דו האסט דאָרט אַריינגעלייגט דיין האַרץ און דיין מח!

### זיי נישט מחי' דעם כח פון צמצומים!

פון איין זייט אַרבעט עס, אַז ווען אַ איד פאַרלאָזט זיך אויפ'ן אויבערשטן, ער גלייבט אין

**→ אותיות מחכימות ←** ספה"ק מאור עינים פרשת ואתחנן

דרך משל אם הוא עוסק במשא ומתן עם כמה עסקים שונים, וכל פעם משים בטחונו על העסק ההוא החיצוני, שהוא רק לבוש לשפע העליון היורד מלמעלה ולא עיקר, והוא מחמת שאין לו דעת אינו בוטח רק על הסיבה, אזי מביא ההשפעה לבחינת צמצום, שמצמצם השפע בהסיבה במחשבתו שחושב שהוא העיקר, ולכך נמשך לו על ידי צמצומים דרך העולמות כאמור לעיל ונתעורר על זה דינים וצמצומים.

אבל מי שזוכה לדעת השלם ולאמונה גמורה שהוא בחינת הביטחון, שעיקר השפע הוא על ידי בעל הרצון, והסיבה ההיא שעוסק בה, שממנו יסובב לו פרנסתו, אינו רק כלי ריקן המקבל למה שנותנים לתוכו, שהוא על ידי שהאדם הוא מלובש בחומר גשמי מוכרח לקבל גם כן חיותו דרך מלבוש גשמי, אבל לא שהסיבה העיקר או שאפשר להתחכם בהסיבה לעשותה בדרך שירבה או יומעט השכר ההוא מבלעדי רצון בעל הרצון הבורא ברוך הוא, ואם עושה כך אזי מפשיט הדבר מגשמיות ומקרבה תמיד למקורה לבעל הרצון ששם אין צמצום ודינים, ונעשה כך באמת, שאינו מקבל פרנסתו דרך השתלשלות וצמצומים, כי אם מיד בעל הרצון עצמו, בהופיעו עליו רצון חסדו ורחמיו הגמורים.

וזהו כוונת הפסוק 'פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון', חי דייקא, שהוא במדריגת צדיק הנקרא חי, שיש בו בטחון הגדול על בעל הרצון לבדו, לו משביע רצון דייקא, המופשט ומורק מצמצומים, שלא בירידת עולמות רק מידו לבד, שזהו פותח את ידך דייקא, ומשביע לכל חי, שהוא במדרגת חי, שיש בו בטחון הגמור, לזה הוא משביע רצון, שהוא ניזון מרצון העליון, ועל כן יש ברכה עליונה במזונותיו.

די גדלות פון השי"ת, טוט ער דורכדעם מחי' זיין דעם צינור השפע, וואָס דורך דעם צינור קוועלט די ברכה, גלייך פון דעם היוכן פלאַץ ביז צו אים!

אָבער פון דער אַנדערער זייט, אויב דו האסט זיך יאָ פאַרלאָזט אויף די סיבה: "ער איז דאך מיין נאָנטער חבר, כ'וועל זיכער קענען פאַרדינען דורך אים"... **אפילו דו זאָגסט עס נישט אַרויס, דו טראַכסט עס בלויז אין קאָפּ**, האָסטו אָבער מחי' געווען די סיבה, האָסט אַצינד געבויעט אַ פעסטן צמצום!

קען זיין אַז די שפע וועט צום סוף אָנקומען ביז דיר, אָבער וועסט זען אַסאַך ווייסע האר אין דיין באָרד ביז דאָס וועט געשען... ווייל דו האסט אליינס אויפגעבויעט די 'צמצומים' און יעצט וועט די שפע דאַרפן דורכגיין די אַלע 'הגבלות' ביז עס קומט אָן צו דיר!

### אַז מען האָט 'דעת' באַקומט מען שפע פון השי"ת אליינס

דער 'מאור עינים' שמועסט אויס אַז ווען אַ איד האָט דעם ריכטיגן 'דעת' פון 'בטחון'; ער ווייסט אַז באמת קומט די שפע פון השי"ת, און דאָס וואָס ער דאַרף טון השתדלות פאר פרנסה, **דאָס איז סתם אַ לבוש**, ווייל דער רבוש"ע האָט אַזוי אויסגעשטעלט אַז ס'זאָל נישט פאַלן גאָלד פון הימל, אָבער דער מענטש בלייבט מיט'ן גראָדן דעת אַז די פרנסה איז בלויז אַ ליידיגע טרוקענע כלי, וואָס ברענגט נישט גאָרנישט. **דעמאָלט באַקומט ער נישט זיין פרנסה דורך די צמצומים**, נאר עס ווערט נשפע פון דעם רבוש"ע אליינס! מיט חסד און רחמים גמורים!

מיט דעם יסוד טייטשט ער אויס דעם פסוק: "פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון". אַז דער רבוש"ע עפנט זיין האַנט און שפייזט "לכל חי" - **דאָס וואָרט "חי" גייט אַרויף אויף אַ איד וואָס האָט בטחון גמור, ער איז מקושר צו דעם אמת'ן מקור החיים!** וויפיל מער ער וועט זיין 'חי', אַזויפיל מער וועט ער באַקומען פון דעם רצון העליון!

אַ מענטש וואָס פאַרלאָזט זיך אויף סיבות, מאַכט זיך ווי אַ "מת", ווייל ער איז יונק פון "דברים מתים", אָבער אַ איד וואָס איז זיך בוטח בה', מאַכט זיך אַ "חי", ווייל ער איז יונק פון די ריכטיגע חיות. **ער טוט טאַקע השתדלות פאר פרנסה, אָבער ער טוט דאָס טרוקענערהייט, ער רעדט זיך נישט איין אַז דאָס גייט אים עפּעס ברענגען.** אַזאַ איד איז זוכה צו באַקומען אַ ברכה עליונה - ומשביע לכל חי רצון - גלייך פון דעם רצון העליון! זיין שפע וועט קומען פון גאָר אן אַנדערע פלאַץ, אָן קיין צמצומים!

ב

## וצדיקים ככפיר יבטח; וויפיל מער 'אמונה' אַזויפיל ווייניגער 'השתדלות'

### צדיקים אַרבעטן נישט אָבער באַקומען 'שפע' צוליב זייער בטחון

דער 'מאור עינים' לייגט צו אַ דבר נפלא, אַז דעריבער קען מען זען ווי עפ"י רוב זענען צדיקים נישט עוסק אין קיין משא ומתן און עסקי פרנסה, אָבער **כאַפּ אַ בליק וועסטו באַמערקן אַז ס'איז דאָ אַזויפיל ערליכע אידן וואָס באַקומען זייער שפע גרינגערהייט**, אַסאַך בעסער און ברייטער ווי אַנדערע וואָס אַרבעטן שווער פאר פרנסה. דאָס האָט איין סיבה: **"על ידי גדול בטחונם רק בהבורא ברוך הוא"!**

די צדיקים האָבן נישט געטראַכט אַז זיי גייען זיין אַ צדיק און אַזוי וועלן זיי מענטשן אַריינברענגען געלט... **ווען זיי וואָלטן יאָ אַזוי געטראַכט וואָלטן זיי געדאַרפט אַרבעטן שווער פאר פרנסה!** אויב זעט מען אַז אַן ערליכער איד באַקומט שפע און די מקטרגים האָבן אים נישט געשטערט, מוז זיין אַז דאָס איז געקומען **צוליב איין סיבה: ווייל זיי האָבן זיך נישט פאַרלאָזט אויף קיין שום "סיבות", נאר אויף השי"ת אליינס!**

### די שיעור פון 'השתדלות' איז לויט דעם שיעור פון 'בטחון'

דאָס איז אויך דער פשט פון די מימרא וואָס מ'הערט אַסאַך נאָכזאָגן אַז: **"וויפיל מער אמונה מען פאַרמאָגט, אַזויפיל ווייניגער השתדלות דאַרף מען מאַכן"**. אַלע ווייסן פון דעם מושג אַז די גאָר גרויסע צדיקים, וואָס האָבן אַ שלימות'דיגע בטחון דאַרפן בכלל נישט מאַכן קיין השתדלות.

דער מאור עינים איז אונז מסביר צווי זאַכן; סיי וויאַזוי דער כלל אַרבעט, און סיי וויאַזוי קען אַ מענטש וויסן וואָס איז זיין אייגענע מדריגה אין דער נושא פון בטחון און השתדלות.

כדי דאָס צו וויסן זאל אַ מענטש זיך באַטראַכטן וויפיל ער איז מסכים נישט צו טון גאָרנישט כדי צו באַקומען זיין פרנסה, און וויפיל ער איז גרייט זיך צו פאַרלאָזן בלויז אויף בטחון אין השי"ת!

### די גרויסע מדריגה פון צדיקים בעלי בטחון

אַזאַ איד מיט די היוכע מדריגה פון בטחון, איז מסכים נישט צו רעדן צו קיין שום מענטשן וועגן זיין מצב הפרנסה און נישט צו דערציילן פאר קיינעם דערוועגן! אפילו ווען ער איז גאָר געדרוקט וועט ער גאָרנישט טון, אפילו נישט בעטן קיין הלוואה!

די אמת'ע בוטחים בה' זענען ברייט אינדערהיים, ווייל אויב מען איז קאַרג אין שטוב איז דאָס ווייטער אַ סימן אויף 'חוסר בטחון', אָבער זיי בעטן נישט פון מענטשן גאָרנישט, ווייל זיי פאַרלאָזן זיך נישט אויף קיין סיבות. אפילו ווען די קינדער וויינען פאר הונגער, זיי האָבן שוין נישט צו עסן אַ חודש צייט, האָבן זיי נישט געטראַכט דעמאָלט מהלכים וויאַזוי דאָס געלט גייט אָנקומען, זיי האָבן נישט אָנגעהויבן מרמז זיין פאַר'ן שכן אַז ס'וואָלט געווען אַ געוואַלדיגע מצוה אויב מ'קען דאָ עפּעס אַרויסהעלפן.

עס ווערט אויף געברענגט אויף פריערדיגע צדיקי אמת, **תלמידי בעש"ט הק' זי"ע**, וואָס האָבן געהאַלטן אַז זיי זענען נענש געוואָרן ווען די קינדער אין שטוב האָבן געוויינט פון הונגער האָט דאָס זיי באַרירט אַ משהו צו טראַכטן פון סיבות פאר פרנסה לפי מדרגתם.

### בטחון לויט אונזער פשוט'ע מדריגה; זיך ווייניגער פאַרלאָזן אויף די 'סיבות'

מיר זענען זייער ווייט דערפון, מ'קען זיך אפילו נישט איינרעדן אַז מ'האַלט שוין דאָרט, מיר זענען דאָך נישט פון די סאָרט געהויבענע בעלי בטחון, דערפאַר דאַרפן מיר יאָ אָנקומען צו טון השתדלות, יעדער לפי ערכו.

> **דער מענטש בלייבט מיט'ן גראָדן דעת אַז די פּרנסה איז בלויז אַ ליידיגע טרוקענע כלי, וואָס ברענגט נישט גאָרנישט.**

אָבער אפילו אונז פשוט'ע מענטשן, וואָס מאַכן יאָ 'השתדלות', קענען מיר זיך אַלעמאָל בוחן זיין, אויף וועמען מען פאַרלאָזט זיך: **איז מען זיך בוטח אין דעם רבוש"ע וואָס איז דער מקור השפע, אָדער איז מען זיך בוטח אין די 'סיבות' פון 'אַרבעטן' אָדער 'צדקה' פון גוטע אידן?!**

אפילו לויט אונזער שטאַפּל דאַרף מען כאָטש אָנהויבן צו אַרבעטן דערויף, אַז **מיר זאָלן וואָס ווייניגער זיך פאַרלאָזן אויף די 'סיבות'**. אויך ווען מען טוט די פעולות פון השתדלות זאָל עס זיין אַ 'טרוקענע השתדלות', **מען זאָל נישט מאַכן קיין עסק דערפון**, מען זאָל נישט טראַכטן אַזויפיל דערפון און מען זאָל זיך נישט בוטח זיין דערויף, **נאָר מען זאָל אייביג געדענקן אַז השי"ת גיט אונז דעם שפע און קיין שום סיבות.** ווייל אין דער רגע וואָס מען טראַכט אפילו פון אַ טבע'דיגע פלאַן וויאַזוי צו באַקומען די שפע, הייסט דאָס שוין אַז מען האָט זיך תולה געווען אין "סיבות".

### די 'לבוש' פון שפע איז אַסאַך לייכטער ווען ס'איז דאָ בטחון

דער 'מאור עינים' זאָגט דאָס לשון: **"כפי שיעור התפשטות הביטחון מן הסבות והתקרבותו אל בעל הרצון, נמשך להן כך השפע בהתפשטות מן הסיבות"** - לויט וויפיל אַ מענטש נעמט אַראָפּ פון זיך די בטחון אין די סיבות, ער טראַכט ניטאָמאָל אַז די סיבות קענען אים עפּעס העלפן, אַזויפיל מער וועט קומען צו אים די שפע, אָן קיין לבוש פון סיבות!

**"כי אם אין הביטחון חזק כל כך, צריך הוא על כל פנים לקבל דרך איזו סיבה והתלבשות עב כשיעור בטחונו. ואם בטחונו דק במעלה, גם הסיבה היא בדקות בלי עמל וטורח כל כך."** - אויב האָט מען אַ גראָבע בטחון אין די השתדלות דעמאָלט וועט די שפע קומען מיט אַ גראָבע התלבשות, עס וועט זיין אַסאַך שווערער. ווידער אויב מען פאַרלאָזט זיך ווייניגער אויף די 'סיבות', דעמאָלט וועט די 'סיבה' טאַקע זיין אַסאַך מער דקות'דיג, אָן אַזויפיל אָנשטרענגונג.

### יעדעס ביסל בטחון מאַכט גרינגער אַז די שפע זאָל קומען

אַ איד וואָס האָט בטחון קען זיך מאַכן אַ גדר, ער איז מחליט אַז ער גייט נישט טון אַ געוויסע זאַך פאַר השתדלות, "איך וועל זיך האַלטן רואיג און מתפלל זיין, אָבער איך טו נישט די ספּעציפישע זאַך פאַר פרנסה, נישט ווייל כ'בין פויל, נאָר ווייל דאָס איז זיכער נישט מיין חובת השתדלות".

צום ביישפּיל: **ער גייט נישט רירן זיין 'קביעת עתים לתורה'**, זאָל זיין וואָס זאָל זיין! אדער ער גייט נישט אַרבעטן ערב שבת נאָך חצות, ווייל ער גלייבט אַז די זאַכן קענען אים נישט ברענגען קיין געלט!

אַזאַ מענטש ווייסט קלאָר אַז אפילו ווען ער טוט יאָ די השתדלות האָט דאָס אים אויך גאָרנישט געברענגט; אפילו ווען ער אַרבעט יאָ איז זיין געלט געקומען בלויז ווייל השי"ת האָט אים ממשיך געווען אַ שפע! מעגליך אַז ער האָט געדאַרפט אַרבעטן עטוואָס שווערער, אפשר ווייל צוליב זיינע עבירות איז דער חטא פון אדם הראשון אַביסל שטאַרקער חל אויף אים, אָבער ער איז ווייטער איבערצייגט אַז די פעולות העלפן נישט און דערפאַר טוט ער נישט געוויסע מעשי השתדלות!

**אַזאַ איד וועט טאַקע באַקומען זיין פרנסה מיט אַ מער דקות'דיגע לבוש**, עס וועט אים נישט אָנקומען אַזוי שווער און עס וועט נישט דאַרפן דורכגיין אַזויפיל צמצומים.

ג

## והריקותי לכם ברכה; די אמונה שיילט אָפּ אַלע צמצומים פון די ברכות

### בדבר הסמוי מן העין; דער בוטח בה' איז נישט פאַראינטערעסירט צו זען וויאַזוי ער גייט פאַרדינען

דער 'מאור עינים' איז מוסיף אַז דאָס איז די סיבה פאַרוואָס חכמינו ז"ל זאָגן: **"אין הברכה שורה אלא בדבר הסמוי מן העין"**, ווייל אַ מענטש וואָס האָט געזען וויפיל תבואה און געלט ער פאַרמאָגט, **איז ער זיך שוין גלייך מקשר צו די סיבה און צו די טבע'דיגע הסבר פון מאַכן פרנסה:** "איך האָב אַזויפיל תבואה, איך וועל קענען פאַרקויפן אַזויפיל, און כ'וועל פאַרדינען כך וכך געלט"... **אַזאַ איינער האָט שוין מצמצם געווען זיין צינור פון שפע**, ווייל ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף די סיבה!

אָבער אַ איד וואָס האָט בכלל נישט געזען וויפיל תבואה ער האָט, ווייל ס'איז אים נישט משנה צופיל, ער וויל ניטאָמאָל וויסן וויאַזוי און וויפיל ער גייט פאַרדינען: **"איך בין עוסק אין משא ומתן ווייל אַזוי האָט השי"ת גוזר געווען, אָבער איך גלייב באמונה שלימה אַז די ביזנעס איז בלויז אַ טרוקענע כלי און די פרנסה וועל איך סייווי באַקומען פון אַן אַנדערע העכערע פלאַץ"**. אַזאַ מענטש האָט בטחון, און אַז ס'איז דאָ בטחון וועט טאַקע חל זיין די ברכה, דורך אַ גלייכער צינור פון דעם מקור השפע, מיט אַסאַך ווייניגער צמצומים.

### דער ביזנעס אייגנטומער וואָס וויל נישט וויסן פאַרוואָס ביזנעס איז שוואַך...

אַ איד האָט פאַרציילט אַז ער אַרבעט מיט אַ געוויסע פרנסה, און ער זעט שוין במשך אַסאַך יאָרן אַז ווען ס'קומט די תקופה פון דריי חדשים אינמיטן ווינטער, גייט די פרנסה שוואַכער, אָבער ער האָט נאָך קיינמאָל אַריינגעטראַכט פאַרוואָס דאָס איז אַזוי!

> **ער טוט טאַקע השתדלות פאַר פרנסה, אָבער ער טוט דאָס טרוקענערהייט, ער רעדט זיך נישט איין אַז דאָס גייט אים עפּעס ברענגען**

ער וויל זיך נישט אַריינלייגן צו דערגרינטעווען מיט וואָס דאָס האָט צוטון, ווייל ער זאָגט: "אויב איך וועל אָנהויבן טראַכטן, וועל איך זיך אַריינלייגן מיין קאָפּ אין דער 'סיבה' און דאָס בין איך נישט מסכים". דער איד האָט ב"ה פרנסה בהרחבה גדולה, און ער טענה'ט: **"איך זאָל פּרובירן צו מאַכן נאָכמער געלט דורך זיך מקשר זיין מיט דער 'סיבה'?!** איך וויל מיך נישט תולה זיין אין די 'סיבות', איך וויל זיין אָנגעוויזן בלויז אויפ'ן אויבערשטן!"

### דער ערליכער איד באַקומט זיין געלט באַהאַלטענערהייט, גלייך פון השי"ת

דער 'מאור עינים' ברענגט דאָרט אַ הפלאה'דיגע טייטש פון ספּה"ק '**תולדות יעקב יוסף**', בשם הרה"ק רבי **נחמן מהאָרודענקא** זי"ע, אויפ'ן פסוק (משלי ג, טז) "אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד". די פשוט'ע טייטש איז אַז דער מענטש וואָס איז זייער שטאַרק מחובר צו דער תורה, אַזוי'ווי די רעכטע האַנט, וועט זוכה זיין צו 'אורך ימים', ווידער דער מענטש

וואָס איז נישט אַזוי שטאַרק מחובר צו תורה, אַזוויי די לינקע האַנט, וועט באַקומען 'עושר וכבוד'.

די גמרא אין מסכת שבת (סג, א): פרעגט דערויף: "**אטו בימינה אורך ימים איכא עושר וכבוד ליכא?!**", פאַרוואָס שטייט נישט ביי די מדריגה פון 'ימינה' אַז זיי באַקומען אויך 'עושר וכבוד'?! ענטפערט די גמרא: "**אלא למיימינין בה, אורך ימים איכא, וכל שכן עושר וכבוד**", דאָס הייסט אַז אודאי באַקומען די ערליכע אידן אַלע ביידע ברכות, נאָר דער פסוק ברענגט אַרויס אַז זיי וועלן נישט בלויז זוכה זיין צו 'עושר וכבוד', נאָר אויך צו 'אורך ימים'.

זאָגט דער הייליגער תולדות פשט פון דער גמרא, אַז אָט די ערליכע אידן - וועלכע לעבן מיט אמונה אַז נאָר השי"ת גיט פרנסה - **זיי באַקומען טאַקע נישט זייער 'עושר וכבוד' פון אָפּענע זאַכן וואָס איז 'נראה לעינים', זייער שפע קומט נישט פון טאַפּעדיגע השתדלות, נאָר עס קומט באַהאַלטענערהייט גלייך פון השי"ת!**

דערפאַר דערמאַנט נישט דער פסוק ביי זיי קיין 'עושר וכבוד' ווייל זיי באַקומען דאָס געלט 'בהעלם' און מ'דאַרף אפילו נישט רעדן דערפון!

אַנדערש זענען אָבער די די 'משמאלה' מענטשן - וואָס האָבן טאַקע שייכות מיט'ן רבוש"ע, אָבער נישט געגוג שטאַרק - ביי זיי דאַרפן מען יאָ אַרויסשרייבן בפירוש, ווייל זייער שפע דאַרף טאַקע יאָ דורכגיין די אַלע צמצומים פון דער גשמיות'דיגער וועלט!

### די שפע איז אַנגעקליידעט מיט צמצום; נעם עס אַראָפּ דורך אמונה!

לויט דעם יסוד ברענגט דער 'מאור עינים' אַ טייטש פון הרה"ק רבי **זושא מאַניפּאָלי** זי"ע אויף דעם פסוק פון מעשר (מלאכי ג, י): "**ובחנוני נא בזאת אם לא אפתח לכם ארובות השמים והריקותי לכם ברכה עד בלי די**".

דער פסוק קומט מרמז זיין אויף אַ איד וואָס פאַרלאָזט זיך מיט אַ ריכטיגע בטחון בלויז אין דעם רבוש"ע - נישט אויף די כלים וואו השי"ת לייגט אַריין די השפעה - אַז **דעמאָלט וועט אַראָפּקומען פאַר אים אַ שפע גראד פון הימל,** וואָס וועט זיין אויסגעטון פון די אַלע לבושים וואָס זענען מצמצם די שפע.

דאָס וואָרט 'הריקותי' איז די זעלבע לשון פון 'אריק חרבי', וואָס מיינט 'אויסטון די שווערד פונעם שיידל'. דאָס איז טייטש 'והריקותי לכם ברכה', **אַז די ברכה וועט זיין אויסגעטון פון אַלע צמצומים!** עס וועט מער נישט זיין אַזוי' אַרומגענומען אַז יעדע דאָלער זאָל דאַרפן אָנקומען אַזוי שווער, מיט אַזויפיל מעשיות און מיט אַזויפיל עגמת נפש.

אַמאָל טרעפט זיך דער מענטש אַז ער דאַרף וויכטיג האָבן די פאר דאָלער אָבער ער מוז יעצט וואַרטן אויף ראובן וואָס זאָל אים אָפּגעבן דאָס געלט, אָבער ראובן שלעפט אַרום ווייל ער וואַרט נאָך אויף שמעון, וואָס דאַרף נאָך אַרויסנעמען אַ לאָון אויף דאָס געלט... **ס'איז אַ גאַנצע פרשה ביז ער דערזעט זיך מיט זיין געלט. דאָס קומט צוליב דיין השתדלות!** דאָס האָט אָנגעקליידעט די ברכה מיט אַזויפיל צמצומים! אָבער ווען דו וועסט אויסטון די צמצומים, דורך בטחון בהשי"ת, וועט גלייך קומען די ברכה, אָן קיין פילטערס פון דעם גאַנצן סדר הצומצום.

ד

## צא והלחם בעמלק; די עבודה פון אַ איד זיך צו שלאָגן מיט די מחשבות פון 'טבע'

### אונזער אַרבעט איז צו מלחמה האַלטן קעגן די פאַלשע בטחון

דער אמת איז אַז יעדער איד גלייבט דאָך באמונה שלימה אין די אַלע זאַכן. אויב אַזוי וואָס איז די אַרבעט פון אַ איד?! **די גרויסע עבודה איז אַז מיר זאָלן זיך שלאָגן**, ממש בחרב ובחנות, יעדן טאָג פונדאַסניי, ווען עס קומען אַריין די אַלע סאָרט מחשבות פון בטחון אין אונזער השתדלות אָדער חכמה אָדער אַנדערע סיבות!

יעדעס מאָל וואָס מ'הייבט אָן שפּירן די סאָרט מחשבות אין מח, כאילו די 'השתדלות' און די 'סיבות' געבן שפע, דאַרף מען אַרויסגיין אין אַ מלחמה דערקעגן און זיך חזר'ן נאָכאַנאַנד: "**איך ווייס נישט וויאַזוי, אָבער השי"ת גייט מיך זיכער העלפן**, ער ברענגט מיר אַלעס, כ'דאַרף אים נישט געבן קיין עצות!".

### אויף וואָס צו קוקן ווען מען באַקומט אַ פרנסה פאַרשלאָג

ווען אַ איד וואָס פאַרלאָזט זיך אויף השי"ת, באַקומט אַ פאַרשלאָג פאַר אַ פרנסה, איז נישט די ערשטע שאלה זיינע: "וויפיל געלט ברענגט דאָס?!", ווייל **ער איז נישט תולה זיין שפע אין גשמיות'דיגע סיבות!** צוערשט וועט ער טראַכטן אויב די אַרבעט איז פּאַסיג פאַר זיין תכונת הנפש; צי עס וועט אים שטערן ברוחניות; און צי ס'איז גוט פאַר זיין שטוב.

אויב זיין ערשטע שאלה איז גלייך: "וויפיל מען קען פאַרדינען?!", האָט ער זיך יעצט סומך געווען אויף דאָס געלט! אודאי דאַרף מען אָננעמען אַ פרנסה אָבער נישט דאָס איז די נקודה! אַ מענטש דאַרף טון די געוועונליכע השתדלות צו גיין אַרבעטן, אויף אַ פלאַץ וואָס איז צוגעפּאַסט פאַר אים בגשמיות וברוחניות, אָבער דאָס מאַכן די אַלע פינאַנציעלע חשבונות, **דאָס געהערט דאָך שוין נישט צו אים!** די פרנסה האָט דאָך נישט קיין שום שייכות מיט די 'סיבות'!

### די 'עסק הפרנסה' מיט די 'אינקאַם' זענען בכלל נישט פאַרבינדן

איך קען אַ איד וואָס איז אַ מגיד שיעור אין אַ ישיבה, אָבער זיין פרנסה קומט פון אַנדערע זאַכן, דעריבער נעמט ער ניטאַמאָל קיין געהאַלט פון דער ישיבה. מענטשן פרעגן אים אַסאַך מאָל: "מיט וואָס ביזטו עוסק?", איז זיין ענטפער אַז ער איז אַ מגי"ש אין אַ ישיבה. דערנאָך קומט געוועונליך די קומענדיגע פראַגע: "וויפיל צאָלן זיי?"... דער איד קלערט אַלעמאָל צו זיך: **וואָס איז די שייכות צווישן די צוויי זאַכן?!** האסט געפרעגט וואָס איך בין עוסק, האָב איך געענטפערט, אָבער די פרנסה איז דאָך גאָר אַן אַנדערע חשבון...

> "אויב מען איז קאַרג אין שטוב איז דאָס ווייטער אַ סימן אויף 'חוסר בטחון'"

באמת איז די זעלבע זאַך נוגע ביי יעדן מענטש. **די השתדלות מיט די שפע האָבן נישט קיין שום שייכות!** וויפיל מאָל זעט מען דאָס באַשיינפּערליך ביי אידן וואָס האָבן ב"ה קינדער געבענטשטע שטיבער, זיי מאַכן חתונה קינדער, און דער חשבון פון זייערע הכנסות והוצאות הייבט נישט אָן שטימען!

מיר דאַרפן טון די סיבות לויט אונזער 'תכונת הנפש', און לויט דעם נאָרמאַלן סדר העולם, אָבער נאָכדעם ווען מען פרעגט אים: "וואָס טוט זיך מיט פרנסה?", דאַרף דער מענטש קענען זאָגן: "אָה, וואָס איך טו פאַר פרנסה?! וואָס הייסט, איך דאַוון איך מיט מנין! איך בין קובע עתים לתורה!" דאָס איז די ריכטיגע וועג וויאַזוי מען קען ממתיק זיין אַלע מקטרגים און אַראָפּברענגען די שפע אָן קיין שום הגבלות!

# שנים מקרא ואחד תרגום

## ומגדלתו ומרוממתו;

### לערנען די פּרשה מיט 'התבוננות' באַלייכט אונזער גאַנצע חושך

יום ה' לך, ח' מרחשוון תשפ"ב לפ"ק

א

## לא אתה בן חורין ליבטל ממנה; אפילו ווער ס'איז פּטור פון 'תפלה' איז מחיוב צו לערנען חומש רש"י

### קיינער קען זיך נישט פּטר'ן פון לערנען פּרשת השבוע

ס'איז דאָ אַן אינטערעסאַנטע תשובה פון הגאון רבי **משה פיינשטיין** זצ"ל, פאר אַ שואל וואָס האָט גע'טענה'ט אַז זיין צייט איז צו פאַרנומען מיט אַנדערע לימודים, און ער האָט נישט קיין צייט צו מעביר סדרה זיין און לערנען חומש רש"י, שרייבט אים דער **אגרות משה** (או"ח ח"ה סי' יז): "די מצוה צו מעביר סדרה זיין יעדע וואָך 'שנים מקרא ואחד תרגום' איז יעדער מחיוב דערמיט, און רבותינו הראשונים האָבן מוסיף געווען אַז מ'דאַרף אויך לערנען די פּירוש רש"י אויף דער גאַנצער פּרשה. דאָס איז זייער שטאַרק נתרשל געוואָרן אפילו ביי 'בני תורה', אָבער ס'איז פּשוט און קלאָר אַז פּונקט ווי מ'קען זיך נישט פּטר'ן פון קיין שום מצוה מיט די טענה אַז מען איז צו שטאַרק פאַרנומען צו לערנען, אַזוי אויך קען מען זיך נישט פּטר'ן פון די מצוה פון מעביר סדרא זיין מיט דעם תירוץ."

נאָכמער - שרייבט דער אגרות משה - אַז 'אדרבה'! **אפילו איינער וואָס ס'איז 'תורתו אומנתו' אַזוי ווי רשב"י וחבריו, וואָס די גמרא זאָגט דאָ אַז זיי זענען פּטור פון 'תפלה דרבנן', אָבער זיי זענען אויך מחיוב מיט 'קריאת הפרשה שנים מקרא ואחד תרגום'**, ווייל דאָס איז דאך אויך אַ חלק פון לימוד התורה, און חז"ל האָבן דאָס מייחד געווען צו לערנען יעדע וואָך, דעריבער איז מען ממילא מחיוב דאָס צו לערנען! מען קען זיך נישט פּטר'ן מיט קיין שום אַנדערע לימוד, סיי תורה שבכתב און סיי תורה שבעל פה! קיינער איז נישט פּטור דערפון, אפילו די וואָס זענען 'תורתן אומנתן'!

### די תחבולות היצר; אונז פאַרדרייען דעם ריכטיגן וועג פון לערנען תורה

מיר דאַרפן פאַרשטיין אַז דער יצר הרע וועט אַלעמאָל פּרובירן אונז צו פאַרדרייען. **ווען ער זעט אַז אַ איד לערנט, וועט ער אים שטופּן צו לערנען אומריכטיגע זאַכן, אָדער צו לערנען אַביסל קרום**; יומם ולילה וועט ער אַרבעטן אַז דער מענטש זאָל נישט לערנען אויף אַזאַ אופן וואָס די תורה זאָל פון אים מאַכן אַן ערליכער איד.

### צדיקים צייגן אונז אָן דעם דרך הישר; לערנען חומש רש"י

אָבער דער רבוש"ע האָט אונז געגעבן צדיקים וואָס זאָלן אונז דערמאַנען אַגאַנצע צייט: גייט נישט קרום! דאָ איז די גלייכע וועג, ווערט נישט פאַרדרייט! און ווי מען האָט דערמאַנט אין די פריערדיגע שיעורים האָבן אַלע צדיקים אונז געלערנט אַז 'גיין גלייך' באַדייט אַז **מען זאָל צוגיין מיט אַן התבוננות צו דעם לימוד פון חומש רש"י**, צו דערהערן פון דער פּרשה די ריכטיגע לימודים.

### אין 'חומש רש"י' טרעפט מען 'פּערזענליכע' הדרכות

יעדער איד וואָס זעצט זיך לערנען חומש רש"י מיט אַן ערנסטקייט, און ער לערנט דאָס פּאַמעליך, נישט געיאָגט, מיט א הבנה, **וועט ער דאָרט טרעפן חידושים נפלאים!** יעדער מענטש האָט דאָך אַ 'כח החידוש', און אַז דער מענטש לערנט גרינטליך די פּרשת השבוע - חומש רש"י וועט ער זיכער טרעפן כאָטש צען רעיונות און געדאַנקן אויף דער פּרשה. **ער וועט האָבן אַזאַ געשמאַק דאָס איבערצוזאָגן**, ווייל דאָס זענען זאַכן וואָס ער האָט געשפּירט!

> מען קען זיך נישט פּטר'ן מיט קיין שום אַנדערע לימוד, סיי תורה שבכתב און סיי תורה שבעל פה!

ער וועט האָבן אַזאַ חיות אין דער תורה!

אַלע פאַרשטייען אַז ס'איז דאָ אַ גרויסער חילוק צווישן איינער וואָס שטעלט זיך אויף און זאָגט: "איך וויל דערציילן פאַר'ן עולם אַ מעשה וואָס איך האָב געהאַט די וואך דינסטאָג", און צווישן א צווייטן וואָס דערציילט עפּעס אַ מעשה וואָס ער האָט געקוקט שנעל אין אַ גליון אינמיטן 'לכה דודי'... ס'איז קיינמאָל נישט די זעלבע, אפילו ער וועט פּרובירן מאַכן מיט דער האַנט, ווייל ער האָט עס נישט אליינס מיטגעלעבט.

די זעלבע חילוק איז דאָ צווישן איינער וואָס זאָגט איבער אַ וואָרט אויף די פּרשה וואָס ער האָט ערגעץ געליינט; ער איז זיך נישט מתחבר מיט דעם וואָרט, נאר מ'דאַרף דאך עפּעס זאָגן אַז די שבת סעודה זאָל נישט זיין ליידיג; און צווישן **אַ איד וועלכער זאָגט איבער אַ געדאַנק וואָס ס'איז אים איינגעפאַלן בשעת ער האָט מעיין געווען ביים לערנען חומש רש"י**, ער האָט באַמערקט אַן אינטערעסאַנטע זאַך אין אַ רש"י, **ער האָט דאָס געשפּירט, ער האָט דאָס באלעבט.** אודאי גייט דאָס אַריין אין די הערצער פון די שומעים, ווייל "דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב"!

### יעדער איד דאַרף זיך טרעפן אין דער פּרשה

אָט דאָס האָבן צדיקים געטון שב"ק. ווי מ'האָט דערמאַנט אַז דערפאַר זענען אַלע ספרים הק' אויסגעשטעלט לויט די פּרשיות השבוע. ווייל **די צדיקים האָבן געלערנט די פּסוקים פון דער פּרשה, און נאָכדעם האָבן זיי געזאָגט תורה דערויף**, יעדער צדיק לויט זיין בחינה און יעדע שבת לויט איר בחינה, אָבער זיי האָבן 'מחבר געווען תורה שבכתב מיט תורה שבעל פה'! **ס'איז געווען אַ דבר פּשוט ביי זיי אַז אַ איד דאַרף זיך טרעפן ערגעץ וואו אין דער פּרשה!**

ס'איז ידוע וואָס עס ווערט געברענגט פונעם **חתם סופר** זי"ע אַז ווען מען טרעפט אינמיטן לערנען אַן ענין פון דער

פרשת השבוע איז דאָס אַ גוטע סימן. דאָס האָט מסתם אויך שייכות מיט דער אויבנדערמאַנטער נקודה, אַז ווען אַ מענטש טרעפט זיך אין דער פרשה, צי ווייל ער טרעפט זיין אייגענע מצב אין דער פרשה, צי ווייל ער טרעפט זיין לימוד אין דער פרשה, **איז דאָס אַ סימן אויף 'סייעתא דשמיא'**, אַז ער לערנט די ריכטיגע זאַך וואָס ער דאַרף טאַקע טרעפן!

ב

# באימה וביראה ברתת ובזיעה; די פחד'דיגע עבודה פון צדיקים ביים מעביר סדרה זיין

### די צורה פון הייליגן מעזריטשער מגיד אינמיטן העברת הסדרה

מען האָט געזען ביי צדיקי אמת אַז דער ענין פון מעביר סדרה זיין איז געווען ביי אַ גרויסער מצב! דער הייליגער **'אור המאיר'** זי"ע האָט דערציילט אַז אַמאָל ווען זיין רבי, דער **מעזריטשער מגיד** זי"ע, האָט מעביר סדרה געווען ערב שב"ק, זענען אינדרויסן פון דעם צימער געזיצן די חברייא קדישא, דער **רבי ר' שמעלקא** מיט זיין ברודער דער **בעל הפלאה**, דער רבי ר' **אלימלך** מיט זיין ברודער רבי ר' **זושא**, דער **קדושת לוי** פון באַרדיטשוב, און די אַנדערע הייליגע צדיקים תלמידי המגיד, זכותם הגדול יגן עלינו.

פּלוצלינג האָט זיך געעפענט די טיר און די תלמידים האָבן געזען וויאַזוי די הייליגע צורה פונעם מגיד האָט געשיינט מיט אַזאַ מורא'דיגע ליכטיגקייט, אַז זיי זענען אַלע אַנטלאָפן פון דאָרט, נישט קענענדיג סובל זיין דעם גרויסן אור! דער באַרדיטשובער רב זי"ע האָט זיך אגעהויבן קייקלען אונטער די באַנק פון גרויס כלות הנפש, און דער 'אור המאיר' האָט דערציילט אויף זיך, אַז הגם ער האָט כל ימיו אַכט געגעבן אַז מ'זאָל נישט זען אויף אים קיין שום תנועה פון התרגשות און אַלעס זאָל זיין באַהאַלטן, אָבער דאָ האָט ער געזען אַזאַ גילוי אַזוי פּלוצלינג, אַז פון גרויס התלהבות האָט ער געפּאַטשט מיט די הענט. ער האָט דערנאָך אַגאַנץ לעבן "תשובה געטון" אויף דעם 'חטא' אַז ער האָט דעמאָלט איינמאָל אַרויסגעוויזן אַ תנועה פון התפעלות...

### די טייכן טרערן ביים רש"ב פון ליובאַוויטש

דער **ריי"ץ פון ליובאַוויטש** זצ"ל האָט דערציילט אַז ווען זיין טאַטע, דער **רש"ב**, האָט מעביר סדרה געווען איז געווען אַזאַ געוואַלדיגע התעוררות אַז **ס'האָט זיך געגאָסן טרערן פון אַלע אַרומיגע!**

דער רש"ב האָט אַריינגעלייגט אַזעלכע כוחות און אַזויפיל הרגש מיט מח בשעת'ן מעביר סדרה זיין, אַז ער האָט נישט געקענט דאָס טון ברציפות, דערפאַר האָט ער אַסאַך מאָל אָנגעהויבן מעביר סדרה זיין שוין פון דאָנערשטאָג, ווייל ער האָט נישט געקענט אויסהאַלטן צו דורכלערנען די גאַנצע סדרה אויף אַמאָל.

### דאָס געוואַלדיגע התעוררות ביי הרה"ק רבי מרדכי'לע נאַדבורנער

אין חיפה האָט געוואוינט אַ איד וואָס זיין זיידע האָט זיך נאָך געדרייט ביי הרה"ק רבי **מרדכי'לע נאַדבורנער** זי"ע אין סיגוט. האָט דער איד דערציילט אַז ווען זיין זיידע האָט מעביר סדרה געווען, **פלעגט ער וויינען מיט דמעות שליש**, הגם ער איז געווען אַ פשוט'ער איד וואָס האָט נישט געהאַט קיין גרויסע השגות און האָט אפשר אפילו נישט פאַרשטאַנען די טייטש פון די ווערטער, אָבער **ער האָט זיך יעדעס מאָל דערמאַנט וויאַזוי רבי מרדכי'לע זי"ע האָט מעביר סדרה געווען** און דאָס האָט אים מעורר געווען ממש ביז טרערן! דער איד פלעגט זאָגן אַז ווען ער איז געווען אַ קינד פלעגט ער מיטוויינען ווען ער האָט געזען ווי שטאַרק זיין זיידע וויינט ביים מעביר סדרה זיין.

### 'מעביר סדרה' זיין איז נישט קיין טרוקענער לימוד

אַז מ'טראַכט אַריין: לכאורה פאַרוואָס פונקט ביי מעביר סדרה זיין?! מען האָט שוין געהערט אידן וואָס האָבן געזאָגט תהלים מיט טרערן, זיי האָבן זיך דאָרט אויסגעוויינט דאָס האַרץ, אָבער מעביר סדרה זיין איז דאָך אַ טרוקענע זאַך ווען מ'זאָגט פסוקים?!

אַזאַ תמיהה קומט **בלויז ווילאַנג מען טראַכט נאָך אַז מעביר סדרה זיין איז געמאַכט פאַר קליינע קינדער**. מען לעבט מיט דעם טעות אַז די אינגלעך פון כתה ב' ג' לערנען חומש רש"י, אָבער גרויסע מענטשן דאַרפן אַריינלייגן זייערע כוחות אין ש"ס ופוסקים...

**אָט די קרומקייט דאַרף מען אַרויסרייסן מן השורש!** ווען מיר זענען געווען יונגע בחורים איז געווען איינער וואָס האָט געזאָגט פאַר די 13 יעריגע בחורים: "כאַפּט אַריין צו לערנען יעצט אין די זייטיגע צייטן די מסכתות פון 'תענית' 'מגילה' וכדומה, ווייל ווען איר וועט ווערן עלטער וועט איר זיך שעמען צו לערנען די לייכטע מסכתות, דעמאָלט וועט מען נאר קענען לערנען בין הסדרים שווערע מקצועות"... פאַרשטייט זיך אַז מ'זאָגט דאָס בלויז איבער צו וויסן ווי אומריכטיג און נאַריש דאָס איז.

די זעלבע זאַך איז מיט חומש רש"י. מען קען פרעגן אַזעלכע קשיות בלויז ווילאַנג מען קאָכט זיך נישט אין דעם לימוד, ווייל ווען מען לערנט גוט חומש רש"י און מען וויל פאַרשטיין יעדע זאַך, נישט בלויז די אותיות, נאר אויך די לימודים וואָס מ'קען אַרויסנעמען דערפון 'לדעת המעשה אשר יעשון', **גייט דאָס אַריין אין דעם מענטש** און ער טוישט זיך ממש דערפון לגמרי!

ג

# יסודתו בהררי קודש; יעדע תקנת חז"ל האָט אַסאַך פנימיות'דיגע טעמים וואָס מיר ווייסן נישט

### פאַרוואָס מען דאַרף מעביר סדרה זיין "ואחד תרגום"

רעדנדיג פון מעביר סדרה זיין "שנים מקרא ואחד תרגום" איז דאָ אַ שאלה וואָס מענטשן פרעגן: פאַרוואָס דאַרף מען נאָך היינט זאָגן דעם 'תרגום' אויב מען פאַרשטייט דאָס סיווי נישט?!

באמת איז די תקנה פון לערנען דעם 'תרגום' אָריגינעל אַוועקגעשטעלט געוואָרן כדי מען זאָל פאַרשטיין וואָס מען זאָגט, ווייל אין יענע צייט איז די אַראַמישע שפּראַך געווען דאָס וואָס מ'האָט גערעדט. **דערפאַר זאָגן טאַקע גאָר אַסאַך פוסקים אַז היינט צוטאָגס איז מען**

**מחויב צו לערנען רש״י**, ווייל אַזוי קענען מיר פאַרשטיין די פסוקים, פונקט ווי אַמאָל האָט מען פאַרשטאַנען דורך זאָגן תרגום. לויט די פילע פוסקים איז דער לימוד פון רש״י היינטיגע צייטן **אַ חלק פון דעם חיוב צו מעביר סדרה זיין 'שנים מקרא ואחד תרגום'**, ווייל דאָס איז דער 'תרגום' לויט אונזער היינטיגע מציאות.

### חס ושלום צו טוישן אַ זאַך וואָס חז״ל האָבן מתקן געווען

אָבער דאָס איז זיכער אַז **קיינמאָל טאָר מען נישט אַראָפּגיין וויניגער ווי די תקנה וואָס חז״ל האָבן איינגעשטעלט.** אַ מענטש קען נישט זאָגן: "אויב איך פאַרשטיי סיווי נישט דעם 'תרגום' דאַרף איך עס נישט זאָגן". **עס גייט נישט אַזוי!**

ווען עס קומט צו אַזעלכע זאַכן דאַרף מען געדענקען דעם כלל וואָס שטייט אַסאַך מאָל אין דער **גמרא** אַז: **"אין בית דין יכול לבטל דברי בית דין חבירו אף על פי שכבר בטל טעם הדבר"**. - אַ תקנה וואָס אַ פריערדיגער בית דין האָבן קובע געווען, קען נישט קומען אַ שפּעטערדיגע ב״ד און דאָס מבטל זיין, אפילו אויב די סיבה איז שוין נישטאָ און דער טעם איז שוין לאַנג בטל געוואָרן!

### נישט מהרהר זיין אויף חומרות און מנהגים פון די פריערדיגע

בדרך אגב, איז דאָס וויכטיג צו געדענקן אַסאַך מאָל ווען מ'רעדט וועגן געוויסע תקנות, מנהגים, חומרות אָדער זהירות, וואָס איז איינגעפירט אויף אַ פּלאַץ אָדער אין אַ געוויסע

**אויב מען ווייסט נישט וואָס שטייט אין חומש רש״י קען מען זיין אַ 'צורבא מדרבנן' אָבער אַן 'עם הארץ מדאורייתא'...**

קרייז, און מענטשן שפּירן אַז ס'איז זיי שווער דאָס מקיים צו זיין לפי המצב, קומען זיי מיט אַ טענה: "האסט טאַקע גע'ירש'נט די חומרא פון דיינע זיידעס, אַלעס פיין, אָבער יעצט איז דאָס שוין נישט פּאַסיג לויט די היינטיגע אומשטענדן, ס'האָט דאָך נישט קיין פשט".

אַמאָל איז דאָ מענטשן וואָס זאָגן דאָס ווייל זיי זענען אויבער- חכמים, אָבער צומאָל איז עס לאו דוקא אַז ס'קומט פון אויבער- חכמה; ס'איז דאָ פאַרשידענע פעלער וואָס מענטשן שפּירן באמת אַז די 'הפסד' פון דעם מנהג איז אַסאַך מער ווי די 'רויח', ווייל צוליב די חומרא ווערן מענטשן נכשל מיט אַנדערע האַרבע זאַכן, ווייל זיי ווילן אַזוי שטאַרק מקיים זיין דעם ענין, וכדומה.

דאָס איז אָבער זייער נישט ריכטיג! **אַזוי האָבן מיר מקבל געווען פון אבותינו ורבותינו אַז מען טאָר קיינמאָל נישט מבטל זיין אַלטע מנהגים!**

### די תקנת חז״ל האָבן אַלע באַהאַלטענע טעמים בנגלה ובנסתר

מ'דאַרף וויסן וואָס עס שטייט פון די פריערדיגע, און דער **גר״א** שמועסט דאָס שטאַרק אויס לגבי אַסאַך תקנות און גזירות פון חז״ל, אַז יעדעס מאָל וואָס די הייליגע חכמים האָבן געמאַכט אַ תקנה, האָבן זיי געהאַט דערביי גאָר אַסאַך טעמים, סיי בנגלה און סיי בנסתר, **זיי האָבן אונז אָבער בלויז געזאָגט איינס פון די טעמים.**

דעריבער אפילו מיר פאַרשטייען היינט אַז אין טעם איז שוין נישט שייך, **זענען אָבער די אַנדערע טעמים נאָכנישט בטל געוואָרן!** און דערפאַר טאָר מען חלילה נישט מזלזל זיין דערינען, טראָצדעם וואָס מיר זען שוין נישט די תועלת פון דעם טעם וואָס זיי האָבן אונז מגלה געווען.

דאָס איז אויך נוגע ביי דעם לימוד פון 'אחד תרגום'. ס'איז אמת אַז איינס פון די טעמים פאַרוואָס חז״ל האָבן דאָס מתקן געווען איז געווען צו פאַרשטיין בעסער דעם פסוק, אָבער מען קען נישט זאָגן אַז ס'איז יעצט מער נישט נוגע, ווייל **די תקנה פון חז״ל האָט אויך אַסאַך פנימיות'דיגע טעמים און ענינים** וואָס מיר קענען נישט פאַרשטיין!

ד

## נהורא מגו חשוכא; די עבודה פון 'שנים מקרא ואחד תרגום' איז צו לעכטיג מאַכן אונזער לעבן

### וואו קומט אַריין 'שנים מקרא ואחד תרגום' אין פרשת שמות?!

אין ספרים הק' איז מבואר איינס פון די פנימיות'דיגע טעמים פאַרוואָס מען דאַרף מעביר סדרה זיין דוקא 'שנים מקרא ואחד תרגום', לויט די באַוואוסטע ראשי תיבות וואָס שטייט נאָך פון די ראשונים אויפ'ן פסוק "ואלה שמות בני ישראל" אַז די ווערטער 'ואלה שמות' איז ראשי תיבות: 'וחייב אדם לקרות הפרשה שנים מקרא ואחת תרגום'.

דער **כף החיים** ברענגט אַראָפּ דאָס לשון פון '**רבינו אפרים**' וואָס פרעגט אַז לכאורה וואו קומט דאָ אַריין די הלכות פון מעביר סדרה זיין פונקט ביים אָנהויב פון פרשת שמות!?

### אין פרשת שמות האָבן אידן מברר געווען די 'קדושה' פון דער 'חול'

ענטפערט דער רבינו אפרים לויט דעם וואָס רבי **חיים וויטאַל** זצ״ל שרייבט אין ספר '**עץ חיים**', אַז דורכדעם וואָס מען לערנט די פרשה 'שנים מקרא ואחד תרגום' איז מען מעלה די קליפּה פון 'נוגה'. און דער כף החיים איז מסביר אַז די צוויי זאַכן זענען נאָנט פאַרבינדן; ווייל די וועלט יז אויסגעמישט '**קדושה**' מיט '**חול**'. דעריבער ווען אַ מענטש נעמט אַרויס די 'קדושה' פון דער 'חול' מאַכט ער סדר אויף דער וועלט!

אָט דאָס איז געשען אין 'פרשת שמות'! דאָרט לערנען מיר וויאַזוי די אידן האָבן געאַרבעט אין מצרים, 'וימררו את חייהם וכו' בחומר ובלבנים'.

אין די קומענדיגע פרשיות, וארא, בא, שטייט שוין וועגן די מכות און די אַנדערע נסים; אָבער פרשת שמות איז בלויז וועגן די שווערע אַרבעט.

וואָס איז טאַקע געווען די תכלית פון דעם קושי השעבוד אין מצרים?! שטייט אין ספרים הק' אַז **אידן האָבן דאָרט געדאַרפט מברר זיין די 'ניצוצות הקדושה' וואָס איז געווען באַהאַלטן און אויסגעמישט אין די 'טומאה' פון מצרים.** ווי חז״ל זאָגן (ברכות ט:): "עשאוה כמצולה שאין בה דגים", דאָס הייסט אַז **דורכדעם וואָס מ'האָט זיי געפּייניגט האָבן זיי נאָכדעם אויסגעליידיגט און מברר געווען די 'קדושה' פון דער 'חול', וואָס איז געווען מעורב אין מצרים.**

# אָה, יעצט וועסטו קענען אינזין האָבן דאָס דאַווענען שבת אינדערפרי!

## ווען מען איז 'מעביר סדרה' איז מען אויך מברר די 'קדושה' פון דער 'חול'

זאָגט דער 'כף החיים' אַז **די זעלבע זאַך געשעט אויך ווען מען איז מעביר סדרה!** צוערשט זאָגט מען די 'שנים מקרא' אויף לשון הקודש, און דערנאָך זאָגט מען דאָס איבער מיט'ן לשון פון 'תרגום', וואָס איז מרמז אויף דעם סוד פון 'נוגה', און דורכדעם וואָס מען איז דאָס מקיים בשלימות, **שלעפּט מען אַרויס די 'קליפּת נוגה' פון דער 'קדושה'** און מען איז מברר דעם 'חול' וואָס ליגט באַהאַלטן אין דעם 'קודש'![א]

לויט ווי מיר האָבן געלערנט אין די פריערדיגע שיעורים, פאַרשטייט מען דאָס אויך אויפ'ן פּראַקטישן אופן, אַז ווען אַ איד לערנט די פּסוקים און **ער זוכט וועלכע זאַך איז אים נוגע פאר זיין עבודת ה'**; וועלכע פּסוקים און רש"י וועט אים העלפן בויען זיין אידישקייט בעסער, וואָס האָט ער געטון יעצט?! **ער האָט מחבר געווען 'קודש' מיט 'חול'!** ער האָט גענומען די הייליגע פּסוקים און ער האָט דערמיט מברר געווען זיין אייגענע קליפּת נוגה!

## די ריכטיגע 'לימוד העיון' איז לערנען חומש רש"י מיט התבוננות

דאָס קען אָבער בלויז געשען ווען מען קאָכט זיך אין דעם 'קודש'! מען איז מעיין דערינען און מען איז זיך מתבונן אין די פּסוקים וואָס מען לערנט!

ס'איז דאָ אַ געוואַלדיגע קליפּה ביי מענטשן וואָס טראַכטן אַז 'לימוד העיון' קען נאר מיינען ווען מען לערנט ישיבה'ישע מסכתות און מען דרייט מיט די פינגער, בלויז דאָס הייסט געלערנט בעיון, דערנאָך איז פאַרהאַן אַנדערע לימודים, וואָס מען לערנט בלויז ווייל ס'איז אַן ענין... דאָס איז דאך אַזאַ ווייטאָגליכע טעות!

מען דערציילט אויף הגאון רבי **זעליג ראובן בענגיס** זצ"ל, אַז ווען בחורים זענען זיך געקומען פאַרהערן ביי אים גמרא תוספות, האָט ער זיי קודם פאַרהערט די וואָכנדיגע פּרשה, און ער האָט געזאָגט אַז אויב מען ווייסט נישט וואָס שטייט אין חומש רש"י קען מען זיין אַ 'צורבא מדרבנן' אָבער אן 'עם הארץ מדאורייתא'...

דאס איז פּונקט ווי מ'זעט אַמאָל אַ 'ישיבה קטנה' בחור וואָס קען איבערזאָגן אַ גאַנצע שטיקל פון ר' שמעון שקאָפּ, אָבער ווען מען פרעגט אים איין וואָרט, זעט מען אַז ער האָט נישט קיין מושג וואָס ער רעדט. ער ווייסט נאָכנישט וואָס עס שטייט אין די פּשוט'ע גמרא און ער האָט בלויז זיך איינגע'חזר'ט די ווערטער וואָס מען האָט אים געזאָגט... ממש אַזוי קוקט אויב די גאַנצע אידישקייט און תורה ביי מענטשן וואָס לערנען נישט חומש רש"י מיט'ן ריכטיגן צוגאַנג.

## מען קען זיך געבצליך טוישן צום גוטן דורך גוט לערנען די פּרשה

ס'איז טאַקע אַ גרויסע עבודה אַז מען זאָל לערנען 'תורה שבכתב' **אויף אַן אופן אַז מ'זאָל זיך טרעפן דאָרט!** ווי מ'זעט אַז דער **רש"ב** פון ליובאַוויטש זצ"ל האָט געדאַרפט אָנהויבן מעביר סדרה זיין שוין פון דאָנערשטאָג, ווייל ער האָט געלערנט תורה מיט אן 'התבוננות', כדי זיך צו טרעפן אין די פּסוקים!

די סיבה פאַרוואָס מענטשן ווילן נישט האָבן דעם צוגאַנג צו מעביר סדרה זיין איז ווייל זיי ווילן זיך נישט טוישן, אָבער צוליב דעם וועסטו נישט מעלה זיין די קליפּת נוגה דורך די קדושת התורה! מענטשן דאַרפן פאַרשטיין אַז 'עיון התורה' מיינט נישט בלויז לערנען עטליכע געוויסע מסכתות, דאָס איז טפּשות! **'עיון התורה' מיינט ווען מען איז זיך מצמצם דעם מח און מען ברענגט אַריין דעם אייגענעם מצב אין די פּסוקים פון דעם חומש!**

דאָס איז טאַקע אַ שווערע זאַך זיך אַריינצולייגן אין די פּרשת השבוע אָבער **דאָס איז געווען אַ דבר פּשוט אין אַלע דורות!** אַלע צדיקים און אַלע **תלמידי בעש"ט הק'** האָבן אַזוי עוסק געווען אין חומש רש"י, ווייל זיי האָבן געוואָלט זיין נאָנט צום אויבערשטן האָבן זיי געלערנט תורה שבכתב מיט דעם צוגאַנג אַז: יעצט גייט מען לערנען כדי צו באַקומען יראת שמים!

## אַ סגולה צו אינזין האָבן דאָס דאַווענען שבת אינדערפרי

אין ספּה"ק **'בת עין'** (ליקוטים) שטייט אַז ס'איז דאָ אַ סגולה צו קענען אינזין האָבן דאָס דאַווענען שבת אינדערפרי, אַז מען זאָל 'מעביר סדרה' זיין מיט כוונה ערב שבת קודש דוקא.

דער בת עין זאָגט דעם טעם, ווייל ווען מען איז מעביר סדרה איז מען מחבר דעם 'חלק הדיבור' מיט דער 'חלק המחשבה', ווייל מען מוז טראַכטן בשעת מעשה די טייטש פון די פּסוקים.

ווען אַ מענטש זאָגט תהלים, קען ער טראַכטן אַנדערע זאַכן, אָבער אַ מגיד שיעור קען נישט זאָגן קיין שיעור אויב ער טראַכט נישט וואָס ער זאָגט, דאָס זעלבע - זאָגט דער בת עין - איז ביים מעביר סדרה זיין; **דעמאָלט מוז די מחשבה זיין פולקאָם מחובר מיט די ווערטער.** מען קען נישט טראַכטן פון קיין שום אַנדערע זאַכן! דעריבער שפּעטער, ווען עס קומט צום דאַווענען שבת אינדערפרי, געפינט זיך נאָך דער מענטש אונטער דעם רושם; **ער האָט זיך שוין צוגעוואוינט צו קענען מחבר זיין דעם 'דיבור' מיט די 'מחשבה' און דערפאַר וועט ער קענען גרינג אינזין האָבן דאָס דאַווענען.**

מען זעט פון דעם 'בת עין' אַ געוואַלדיגער דערהער, אַז **די גרעסטע 'ביישפּיל' פון אַ לימוד וואָס מ'דאַרף זיך מחבר זיין דערצו איז דער לימוד פון 'מעביר סדרה' זיין!**

אפילו ווען אַ מענטש לערנט אַ תוספות קען ער דאָרט טראַכטן און אריינלערנען זיינע אייגענע פּשטים, אָבער ביי 'שנים מקרא ואחד תרגום' איז דאָס בכלל נישט שייך! ווייל די גאַנצע ענין פון 'מעביר סדרה' זיין איז בלויז כדי דער מענטש זאל דאָס אַרייננעמען אין זיך, ער זאָל טרעפן דאָס וואָס אים נוגע אין דער פּרשה! **אויב האָסטו דאָס נישט געטראַכט האָסטו בכלל נישט מעביר סדרה געווען!** האסט נישט געהאַט דעם חלק פון 'ואחד תרגום'!

דערפאַר זאָגט אונז דער 'בת עין' אַז דוקא ווען איינער איז מעביר סדרה, איז ער מחבר דעם 'מחשבה' מיט דעם 'דיבור'. **אָה, יעצט וועסטו קענען אינזין האָבן דאָס דאַווענען שבת אינדערפרי!** ווען דו וועסט זאָגן 'לקל אשר שבת' וועסטו נישט האָבן דעם נסיון צו טראַכטן אַנדערע זאַכן, דו האסט שוין דעם כח צו זאָגן 'דיבורים' מיט אַן אינערליכע 'מחשבה', ווייל דו האסט זיך דאָס אויסגעלערנט ביים מעביר סדרה זיין!

---

א. די בחינה שטייט שוין אויך אין ספר "חומת אנך" פונעם חיד"א ז"ל, וזה לשונו:

ורבינו אפרים ז"ל בפי' כ"י כתב, ואלה שמות ר"ת וחייב אדם לקרות הפרשה שנים מקרא ואחת תרגום עכ"ד. וצריך להבין מאי שיאטיה דרמז זה כאן.

ונראה דנודע דגלות מצרים היה לברר ניצוצות הקדושה אשר שם במצרים ערות הארץ בכח שעבודם בחמר ובלבנים וכו'. וסוד קריאת הפרשה שנים מקרא ואחת תרגום הוא לברר מנוגה דחציה בחול וחציה בקדש, וע"י קריאת הפרשה שנים מקרא ואחת תרגום אנו מכניסין מחציה שבחול אל הקודש, כי 'תרגום' גימטריא 'תרדמה' סוד נגה, ולחברה עם המקרא כל פסוק ופסוק שיהא נכלל בקדושה כמו שהאריך רבינו האר"י זצ"ל, וא"כ יכון מאד כאן בשעבוד מצרים שהוצרכו לכל תוקף השעבוד לברר ניצוצי הקדושה, ומעין דוגמא חיובא רמיא על כל אדם מישראל לקרוא הפרשה שנים מקרא ואחת תרגום, לברר מנגה ולכלול בקדושה.

להצטרף לקבלת השיעורים או החוברות באימייל ולשלוח הערות: ארה"ב. 718.387.1122 | א.י. 03.3096216 | Email. info@machonhavineini.com
קול הבינני: ארה"ב – 718.686.8300 | א"י. 072.257.7726 | בריטניה. 0204.586.2115 | בלגיה. 03.300.0223